רשימות

# דברות קודש

ח"י טבת

ה'תשפ"ג

רשימה שאינה מוגהה
על-ידי אחד התלמידים המקשיבים
לתועלת תלמידי הישיבה

זה השער לד׳
צדיקים יבואו בו

רשימות

# דברות קודש

שהשמיע

**כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**
**ממונקאטש**

בהיכל ישיבתינו הקדושה
**ישיבת יודעי בינה מונקאטש**

ביומא דהילולא קדישא
של כ״ק מרן אדמו״ר בעל בני יששכר זי״ע

**ח״י טבת שנת ה׳תשפ״ג**

הוצאת אמרי אור תורה מונקאטש

ברוקלין, נוא יארק
חודש טבת ה׳תשפ״ג

רשימות

# דברות קודש

ח"י טבת
ה'תשפ"ג


יוצא לאור על ידי:
**הוצאת אמת**
אור **ת**ורה **מ**ונקאטש
מכון להו"ל ולהפיץ
ספרי רבותינו הקדושים

Published By:
**Emes Publishing Inst.**
Ohr Torah Munkacs
P.O.B. 393
Brooklyn, New York 11219
**T:** 347.408.5208
**F:** 718.504.3526
**W:** www.minkatch.org
**E:** EmesOnline@gmail.com



כל הזכיות שמורות ל:
**הוצאת אמת**

**Copyrighted © 2023 by:**
**Emes Publishing Inst.**
All rights reserved to publisher
The entire text has been newly
edited designed and set.
No part of this book may be
reproduced in any form,
including information storage
or retrieval, in whole or in part,
without written permission
from the copyright holder

# ח"י טבת ה'תשפ"ג

## חשוב'ע מנהלים, ראשי ישיבות, מגידי שיעור און הייליגע בחורים!

**עס** האט זיך אזוי געפירט - אלעס איז דאך מן השמים - אז די צייט איז אביסל שפעט געווארן, מען קען נישט צופיל מאריך זיין. אבער עס איז דא אין תורה אן ענין פון אביסל וואס איז אסאך, א "מיעוט המחזיק את המרובה" (עיין בראשית רבה פ"ה ז).

## אלעס פירט זיך אויף א סדר פון 'ערב' און 'בקר'

**בתחילת** הבריאה, אויפן פסוק (בראשית א, ה) "ויהי ערב ויהי בקר יום אחד", שטייט אין מדרש רבה (בראשית רבה פ"ב ג) 'ויהי ערב' - ערבו של עשו, 'ויהי בקר' - בוקרו של יעקב, 'יום אחד' שנאמר (זכריה יד, ז) והיה 'יום אחד' הוא יודע לד' לא יום ולא לילה וגו'. דער מדרש לערנט אונז: "ויהי ערב" איז מרמז אויף גלות, ווען מען איז אונטער די הערשאפט פון עשו. "ויהי בקר" איז מרמז אויף גאולה, ווען עס שיינט אויף די ליכטיגקייט פון יעקב. זאגט אונז די תורה, אז די וועלט איז תיכף באשאפן געווארן אויף דעם שטייגער. די גאנצע בריאה פירט זיך אויף דעם אופן. קודם איז "ויהי ערב", א מצב פון ערב און פינסטער. ביז השי"ת איז זיך מרחם, און נאכדעם קומט "ויהי בקר", עס ווערט ליכטיג. אזוי ווי גלות און גאולה. דאס זענען נישט קיין צוויי באזונדערע זאכן, נאר "יום אחד", דאס איז

איין זאך וואס גייט צוזאמען. "ערב" קומט פאר "בקר", און דער "בקר" שיינט אויף נאר נאך דעם "ערב".

**פון** דעמאלטס אן, אז מען איז מעיין אין די סדר הדורות אין די פרשיות פון די תורה, זעהט מען אז ביי כלל ישראל איז כסדר אזוי געווען. קודם "ויהי ערב" און דערנאך "ויהי בקר". מען איז אראפגעפאלן און דערנאך האט מען זיך אויפגעהויבן, נאכאמאל אראפגעפאלן און נאכאמאל זיך אויפגעהויבן. יעדע מאל אן אנדערע פרשה.

**לדוגמא,** מען האט יעצט דורכגעלערנט די פרשיות פון די מחלוקת צווישן די הייליגע שבטים און יוסף הצדיק. יוסף איז קודם געווען ברומו של עולם, דער "בן זקונים", זיין טאטע האט איהם ליב געהאט מער פון אלע ברודער (בראשית לז, ג). דערנאך האבן איהם די ברודער פארקויפט קיין מצרים, ער איז געווארן א קנעכט. וואס איז דען שייך א גרעסערע ירידה פון דעם. אזוי צו פאלן. פון יעקב אבינו'ס הויז צו ווערן א קנעכט ביי פוטיפר אין בית האסורים. זייער א שווערע "ויהי ערב". אבער דאס איז נישט די לימוד. די לימוד איז, וואס איז פון דעם ארויסגעקומען. דער "ויהי בקר". "מבית האסורים יצא למלוך". דאס אלעס איז געווען אן הכנה צו די טו"ב יארן וואס יעקב אבינו און די שבטים האבן געוואוינט אין מצרים. "כי למחיה שלחני אלקים לפניכם גו' לשום לכם שארית בארץ ולהחיות לכם לפליטה גדלה גו'" (בראשית מה, ה-ז). ביז "ויוסף היה במצרים" (שמות א, ה) אין די וואכעדיגע סדרה. אבער דאס איז אויך שוין געווען די הכנה צו די גלות מצרים, מען האט שוין נישט געוואוינט אין ארץ ישראל. עס האט זיך אנגעהויבן נאכאמאל אן "ערב". "נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרות השעבוד שהתחילו לשעבדם" (עיין רש"י ריש פרשת ויחי).

**און** אזוי איז געגאנגען דער המשך ווייטער. די וואכעדיגע סדרה הייבט זיך מיט (שמות א, א) "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה גו'", ווי כלל ישראל איז געווארן מער און מער משועבד צו די מצריים און זענען געווארן פארזינקן אין גלות מצרים, בגוף ובנפש. פון דארט זענען זיי אויסגעלייזט געווארן. "אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה" (בראשית מו, ד). דער באשעפער האט זיי דערהויבן צום מעמד הר סיני, דער באשעפער האט זיך צו זיי באוויזן און געזאגט (שמות כ, ב) "אנכי ד' אלקיך אשר הוצאתיך

מארץ מצרים מבית עבדים". אן התגלות וואס קען נישט זיין גרעסער ווי דעם, א זאך וואס וועט שוין קיינמאל נישט זיין עד ביאת הגואל.

**אבער** עס האט געדויערט קוים פערציג טאג, פון ווען השי"ת האט זיך אזוי בארימט מיט זיין "עם סגולה" וואס האט געזאגט "נעשה ונשמע" און מקבל געווען די תורה, ביז עס איז געקומען א צייט וואס השי"ת האט געזאגט פאר משה רבינו (שמות לב, ט) "ועתה הניחה לי, ויחר אפי בהם, ואכלם, ואעשה אותך לגוי גדול". אידן האבן אזוי מצער געווען השי"ת, אז ער האט חלילה שוין געוואלט ברענגען אן ענדע צו זיי. אויף דעם קומט די פרשה פון "ויחל משה את פני ד' אלקיו" (שם יא), וואס מען לייענט יעדן תענית ציבור, ווי משה רבינו האט אויסגעבעטן אז דער באשעפער זאל מוחל זיין דעם כלל ישראל, און דאן זענען זיי נאכאמאל צוריק ארויפגעקומען א מדריגה.

**איך** וועל נישט מזכיר זיין די אלע עוונות, די אלע מאורעות, די עליות און ירידות, חטאים און תשובות, וואס די תורה פארציילט אז עס איז כסדר געשעהן אין די פערציג יאר אין מדבר. אבער אזוי איז דאס געווען כסדר, זיי זענען צוריקגעפאלן, און זיי זענען צוריק ארויפגעגאנגען, כסדר נאכאמאל אראפגעפאלן און זיך נאכאמאל אויפגעהויבן, ביז די פטירה פון משה רבינו, ביי די סוף פון חמשה חומשי תורה. און אויך ביי די פטירה פון משה רבינו, איז געווען א ירידה אין די מדריגות פון כלל ישראל. מיר אלע ווייסן די משנה אין אבות (פ"א מ"א) "משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע", אז משה רבינו האט איבערגעגעבן די גאנצע תורה פאר כלל ישראל. אידן זענען דאן אנגעקומען צו די מדריגה פון קענען כל התורה כולו. אבער חז"ל זאגן אונז (תמורה טז, א) אז דריי טויזענט הלכות זענען פארגעסן געווארן בימי אבלו של משה. די סנהדרין האט זיך געמוזט זעצן, דן זיין די אלע ספיקות וואס זענען דעמאלטס נולד געווארן, און שפעטער האבן די חכמים געקענט צוריק ברענגן די הלכות מתוך פלפול. זעהט מען, אז אפילו משה רבינו האט אזוי אויפגעהויבן כלל ישראל מיט די הייליגע תורה, אבער די סוף האט זיך געענדיגט אז מען האט פארגעסן הונדערטער און טויזנטער הלכות.

**אזוי** איז די גאנצע סדר פון חמשה חומשי תורה, און די מציאות פון די וועלט און פון כלל ישראל. ירידות מיט עליות. מען איז געפאלן און מען האט זיך צוריק אויפגעהויבן. "ויהי ערב ויהי בקר יום אחד".

## זיך אויפשטעלן נאך א נפילה

**די** גאנצע תורה קומט אונז לערנען א וויכטיגע יסוד און א גרויסע חיזוק. על דרך ווי שלמה המלך זאגט אין משלי (כד, טז) "שבע יפול צדיק וקם". דער פסוק זאגט, זיבן מאל פאלט א צדיק און דערנאך שטעלט ער זיך אויף. דארף מען זיך אין דעם מתבונן זיין. מען רעדט דאך דא פון א צדיק אמת - וואס די פסוק איז מעיד אויף איהם אז ער איז א "צדיק", אבער פונדעסטוועגען האט ער געהאט כאטש זיבן מאל דורכפעלער. פרעגט די וועלט די קשיא, אויב אזוי, אז ער איז אזויפיל מאל דורכגעפאלן, ובפרט אז ער האלט שוין נאך זיבן מאל וואס איז דאך א מספר פון שלימות, כידוע פון מהר"ל (ספר גבורות ד', ועוד), אויב אזוי פארוואס רופט איהם די תורה אן א "צדיק", ער איז דאך דורכגעפאלן שוין זיבן מאל, און וואס פאר א צדקות איז דאס?

**נאר** די תירוץ ליגט אין דעם איינעם ווארט - "וקם". מיט דעם הייסט ער א צדיק. ווייל ער ווערט נישט נתפעל פון דעם וואס ער איז געפאלן, נאר ער הייבט זיך צוריק אויף. "שבע יפול - צדיק", מיט דעם איז ער א צדיק, ווייל אפילו ער איז שוין געפאלן זיבן מאל איז ער אייביג "וקם", ער ווערט נישט נתפעל. ער איז ממשיך צו גיין ווייטער.

**פון** "בראשית ברא" ביז "לעיני כל ישראל", חזר'ט זיך איבער אין די תורה הקדושה, די יסוד פון "ויהי ערב" - עס איז דא צייטן וואס מען פאלט דורך, אבער עס קומט א "ויהי בוקר". פון דעם ווערט צוזאמגעשטעלט א "יום אחד" ביים באשעפער. "שבע יפול צדיק וקם". דאס איז שלימות. אזוי ווערט מען אנגערופן א צדיק. מען קען נישט קוקן נאר אויף די טינקעלע זייט - אויף די נפילות, מען דארף געדענקן און וויסן אז נאך די "שבע

יפול" איז דא א "ויהי בקר", ווען עס איז "וקם". עס קען ווערן צוריק ליכטיג, און דארט זעהט מען דעם באשעפער.

## יעדער האט עליות און ירידות

**פון** דעמאלטס אן ביז היינט, ח"י טבת תשפ"ג, אויב זאל זיך יעדער איינער אומקוקן אויף זיין אייגענע מצב, פון ווען ער איז נתחייב געווארן במצוות (און אפילו פריער ווען מען איז שוין מחוייב געווארן אלס חינוך), וועט ער זעהן אז מבקר עד ערב איז אייביג אזוי די סדר. "שבע יפול צדיק", אבער די צדקות ליגט אין דעם "וקם" - אז מען שטעלט זיך צוריק אויף און מען ווערט נישט נתפעל פון אלע מכשולות, די נסיונות און די נפילות. דא איז דא מחשבות זרות. דא איז דא סתם ביטול תורה. דא איז דא הלכות וואס מען איז נכשל דערין. די טבעיות פון א מענטש וואלט געברויכט צו זיין, אריינצוטראכטן און ווערן אינגאנצן צובראכן ביי זיך, באקומען געפילן פון יאוש, ער זאל טראכטן: וויפיל יאר זאל איך זיך אזוי פלאגן, ווי וועל איך אנקומען. איך זעה דאך אז וויפיל קבלות איך מאך, פאל איך אלעס דורך.

**איז** דען דא א גרעסערע קבלה ווי די הייליגע טעג, ראש השנה און יום הקדוש? מען קלאפט על חטא, מען בעט דער אויבערשטער אז ער זאל מוחל זיין אלע חטאים, מען בעט זיך ברחמים. מען זאגט צו אז מען וועט נאר גיין בדרכי ד'. אבער ווי לאנג דויערט דאס?! מען גייט אוועק פון די ימים טובים, שפירט זיך שוין די נפילה.

**ביי** נעילה איז מען געוועז דערהויבן. מי יעלה לנו השמימה אויפברעכן די טויערן אויסבעטן פאר אידן, ישועות און השפעות טובות, מען שטייט און מען שפירט א העכערקייט ווי מלאכים. אבער א שטיק צייט דערנאך איז שוין ווייטער א ירידה. די אלע מחשבות פון די טינקעלע צייטן, טוען באמוטשענען דעם מענטש, ער זאל ווערן אפגעשוואכט אויך אין די צייט וואס איז ביי איהם ליכטיג.

**בחורים** אין ישיבה קטנה יארן, און שפעטער אין ישיבה גדולה, ווען מען זאל באמת זיך דורכרעדן וואס אונזער פראבלעם איז: מען זיצט דאך און

מען לערנט אין ישיבה, וואס פעלט אונז? די חלק הלימוד איז ב"ה מיט הצלחה, און מען איז זוכה צו דאווענען רואיג ווי עס דארף צו זיין. עס איז א צייט פון "ויהי בקר", עס איז א מחיה. ביי די צייטן דארף מען לכאורה נישט קיין חיזוק. אבער, עס איז אויך דא "ויהי ערב" – טעג וואס מען דאווענט נישט ווי עס דארף צו זיין, עס זענען דא טעג וואס מען איז ליידער נכשל אפילו אין פשוט'ע הלכות, מען פארגעסט אפילו "על המחיה" צו מאכן אויף מזונות.

**למשל,** היינט איז נתפרסם געווארן אויף די וועלט, אז אויב מען ברויך א סגולה אויף א ישועה, זאל מען נישט זאגן די ברכה "אשר יצר" אויסענווייניג, נאר מען זאל דאס זאגן פון אינעווייניג. עס איז זייער א גוטע הנהגה. אבער פון דעם זעהט אויס, אז מיר זענען אזוי שוואך, אז אפילו די ברכה פון "אשר יצר" קען מען זיך נישט פארלאזן אז מען וועט דאס זאגן געהעריג בכוונה.

**כאטש** וואס פון איין זייט וואקסט מען אין מדריגות, מען לערנט שוין שווערע סוגיות הש"ס מיט תוספות, מען לערנט ראשונים, מען פלאגט זיך און מען איז זוכה צו פארשטיין זייערע הייליגע ווערטער, מען איז זוכה צו פארשטיין תורה הקדושה, מען לערנט זיך א דרך הלימוד והבנה, מען הארעוועט בעיון ובבקיאות, אבער פונדעסטוועגען פלאגט זיך דער זעלבער בחור מיט ממש פשוט'ע נפילות. ווייל מיט זיין "בקר", איז אויך דא אן "ערב".

**ווי** קען דאס זיין, אז ביידע זאלן זיין אויף איינמאל, ביים זעלבן מענטש און זעלבן בחור?

## ווועלכע 'דברי חיזוק' דארפן בחורים הערן?

**דער** מגיד שיעור האט פריער דערמאנט, אז מען האלט יעצט פונקט אינמיטן דעם ווינטער-זמן, און עס איז כדאי איך זאל זאגן "דברי חיזוק". טראכט איך: וואס קען מען זאגן דברי חיזוק וואס זאל זיין א חידוש?

וואס ווייסט מען דען נישט? מען ווייסט אז מען דאווענט דריי תפילות א טאג, מען ווייסט ווי אזוי די תפילות ברויכן אויסצוזעהן, מען ווייסט צו זאגן ערליך ברכת התורה יעדן צופריה, מען ווייסט אז מען דארף ליגן אין לערנען, אויב אזוי אין וועלכע ענין דארף מען זיך מחזק זיין?

**נאר** מען דארף חיזוק, אז מען זאל נישט נתפעל ווערן פון נפילות. איך האב געקענט אסאך בחורים אין מיינע בחורי'שע יארן, וואס מיר האבן אפילו צוזאמען געלערנט, גוטע בחורים געווען, גוט געלערנט, אבער דאס איז אלס געווען בשעת "ויהי בקר". פונדעסטוועגן ווען עס איז געקומען א נפילה, מאיזה טעם שהוא - יעדער צוליב אן אנדערער סיבה, איז געווען איין נפילה און נאך א נפילה. די "שבע יפול" איז מקויים געווארן, עס האט אבער געפעלט דעם "וקם". דאס זיך אויפשטעלן דערפון. דאס נישט נתפעל ווערן. צו וויסן אז אזוי איז די סדר הבריאה. דאס האט ליידער ביי זיי געפעלט.

**די** חיזוק וואס יעדע בחור דארף הערן איז, אז יעדער איינער האט זיך זיינע נסיונות, און די מציאות איז אז דאס צוברעכט איהם. איך ברויך נישט דערמאנען יעצט וואס די נסיונות זענען, אבער עס זענען דא נסיונות, עס איז נישט אזוי גלאטיג, מען איז נאכדעם בצער. מען טראכט ביי זיך: פארוואס האט מען דאס געטוהן, וואס האב איך דערפון, עס איז דאך גארנישט מיט נישט, דאס איז נאר געווען עצת היצר. אבער אין די זעלבע מינוט דארף א בחור פועל'ן ביי זיך און וויסן אז ער טאר נישט נתפעל ווערן פון די נסיונות וואס ער איז דורכגעפאלן. ער דארף זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון "וקם". מען זאל נישט נתפעל ווערן פון א ירידה. מען זאל נישט נתפעל ווערן פון א שוואכע טאג. מען זאל נישט נתפעל ווערן פון א שוואכע וואך.

**עס** זענען דא בחורים וואס פלאגן זיך, איך רעדט נישט יעצט נאר פון הארבע עבירות, נאר זיי האבן א פראבלעם אז די קאפ פליעט אוועק אינמיטן לערנען. דער מגיד שיעור לערנט פאר א שיעור, מען הערט אויס צען פופצן מינוט, און דערנאך איז מען שוין נישט דא. מען דערמאנט זיך שפעטער, מען וויל צוריקגיין, אבער מען האלט דאך שוין ביי אן אנדערער תוספות, אדער מען רעדט שוין פון אן אנדערע ענין. דאס איז א גרויסע

פראבלעם, אסאך ליידן פון דעם. און דער אופן וואס דער בחור זאל זיך מעסטן זיין מצב און עתיד, און ווי אזוי השי"ת וועט העלפן אז ער זאל דאס אויסוואקסן און מצליח זיין, איז נישט דורך ציילן וויפיל מאל אדער ווי לאנג ער איז געווארן פאר'חלומ'ט אינמיטן שיעור. נאר אלעס וועט זיך ווענדן אינעם "וקם": וואס האב איך געטוהן נאכדעם וואס איך כאפ זיך אז איך האב זיך פאר'חלומ'ט און מיין קאפ איז פארבלאנדזשעט געווארן? האב איך זיך געלערנט אן עצה צו דעם? האב איך געפרעגט א גרעסערער פון מיר אן עצה? איז מיר געגאנגען אין לעבן דאס צו פאררעכטן? אויב יא, איז מען בגדר "צדיק", ווייל מען ארבעט אויף דעם "וקם".

## לערנען אויך ווען עס איז נישט באקוועם

**אזוי** אויך, באמת, דארף מען חיזוק אין דעם "בקר" גופא. אויך ביי די צייטן ווען מען לערנט געשמאק, מען זיצט ביים סדר אין בית מדרש און מען ליגט אין לערנען, עס לערנט זיך און עס דאווענט זיך, אויך אין דעם דארף מען זיך מחזק זיין - אין דעם יסוד פון "ויהי ערב ויהי בקר יום אחד".

**מיר** ווייסן אז די גלות און ירידה קיין מצרים האט זיך אנגעהויבן אסאך פריער, ווען "ביקש יעקב לישב בשלוה" (עיין רש"י ריש פרשת וישב לז, ב). וואס האט "שלוה" געמיינט ביי יעקב אבינו? ער אליין האט גארנישט געברויכט. נאר זיין "שלוה" איז געווען צו זעהן אז דער כלל ישראל זיצט און לערנט, מען לערנט תורת ד'. דאס איז די "שלוה" פון יעקב אבינו. האט דער אויבערשטער איהם געוויזן אז עס וועט טאקע אזוי זיין. ער וועט נאך אמאל דערלעבן ווי דער כלל ישראל וועט זיצן "בשלוה" אין געצעלטן פון תורה, און עס וועט זיין ליכטיג ווי דער אור הבקר. "'ויהי בקר' - בוקרו של יעקב". אבער עס קען נישט ווערן פון זיך אליין, עס קומט נישט אן גרינג. "בוקר" ווערט נאר נאך אן "ערב", און דורך אן "ערב". אלעס הייבט זיך אן מיט "קפץ עליו רוגזו של יוסף", אז קודם איז שווער. אזוי איז עס, מען קען נישט פון דעם אנטלויפן. מען קען נישט האבן בלויז "בקר". נאר ווען מען טוט זיך מתגבר זיין אויף דעם "רוגזו של יוסף" און מען

שטעלט זיך אויף, דעמאלטס איז מען זוכה צום "שלוה". מען קען נאר קונה זיין די תורה ווען מען גייט דורך די שוועריגקייט און צער, מיה און פלאג, און מען שטארקט זיך איבער דעם.

**ווען** איינער זאל אריינגיין אין בית המדרש, ער וויל לערנען, אבער נאר בתנאי השי"ת זאל מיט איהם אזוי טוהן אז ער זאל אלס קענען לערנען בשלוה. עס וועט זיך נישט טרעפן א צייט אדער א זאך וואס זאל איהם מבטל זיין פון לערנען. גארנישט זאל איהם שטערן. עס זאל איהם קיינמאל נישט אנקומען שווער. דאס הייסט עס זאל ביי איהם קיינמאל נישט זיין קיין "ערב". אזא איינער וועט קיינמאל נישט מצליח זיין. ווייל נאר דורך דעם וואס מען פלאגט זיך איז מען זוכה זיין צו אן אמת'ע "בקר".

**די** תורה הקדושה זאגט "אם בחקתי תלכו" (ויקרא כו, ג), און רש"י איז מסביר אז דאס מיינט "שתהיו עמלים בתורה". כלומר, די תורה באפעלט דעם מענטש אז ער זאל גיין מיט די תורה. וויפיל זאל מען גיין? דריי טריט? פינף טריט? אפשר "תלכו" מיינט אז מען לערנט איין שעה אדער צוויי, און דאס איז גענוג. דער בחור טראכט ביי זיך אז נאך די ערשטע שעה אדער צוויי "בין איך שוין מיד. איך דארף זיך שוין אויסרוען. איך ברויך מאכן א שטיקל הפסקה". אויף דעם זאגט רש"י, אז גיין מיט תורה ווערט אנגערופן נאר ווען מען איז "עמלים בתורה": ווען דו פלאגסט זיך. אפילו דו ביסט שוין מיד, און עס גייט נישט אזוי גרינג, פונדעסטוועגן גיבסטו נישט אויף, נאר דו האסט אן עמלות בתורה. מען האלט אין איין גיין. מען שטעלט זיך נישט אפ. דאס הייסט לימוד התורה. דאס מיינט "אם בחקתי תלכו". די תורה באפעלט אונז מען זאל זיין מתמידים, לערנען און ווייטער לערנען. נישט נאר לערנען ווען עס איז גרינג און באקוועם - ווי צום ביישפיל ביים אנהויב זמן, אדער ביים אנהויב פון א סדר הלימוד, ווען דער חשק קומט פון זיך אליינס. נאר אויך שפעטער זאל מען זיך פלאגן און ארבעטן אויף זיך, נישט אויפהערן, נאר זיך שטארקן און מחזק זיין ווייטער צו גיין.

**בעצם,** ווייס איך נישט וואס איז געשעהן אין די היינטיגע צייטן. איך בין דאך נאכנישט אזא אלטער איד, אבער ווען איך בין געווען אין ענקערע

יארן, דא אין אמעריקא, נישט אינדערהיים אין אייראפע, איז די בית המדרש פון ישיבה געווען פיל ביי מיטאג צייט, א מיעוט איז ארויסגעגאנגען. רוב בחורים זענען נאר געגאנגען עסן, און מען איז גלייך צוריק אין בית המדרש לערנען. יעדער האט געלערענט וואס ער האט געלערנט. איינער האט ממשיך געווען און איבער גע'חזר'ט די פריערדיגע שיעור, און אן אנדערער האט געהאט אן אנדערע מסכת. נאכדעם האט מען געלערנט דעם נאכמיטאג סדר, און ווען עס איז געקומען ביינאכט איז מען שוין געווען עמלים בתורה, אפגעהארעוועט און מיד.

**אז** מען וועט מיר פאלגן, נישט מיר, נאר דעם באשעפער, דארף מען ארבעטן אז עס זאל נישט זיין קיין ביטולים. נישט קליינע און נישט גרויסע, נאר יעדע מינוט אויסניצן. אוודאי בתוך הסדרים – די גאנצע סדר, אבער אפילו אויך בין הסדרים. נישט מפסיק זיין דאס לערנען אפילו מען איז אביסל מיד און אפגעמוטשעט. דעמאלטס האט מען סייעתא דשמיא.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין פון חתם סופר, אויף דעם וואס חז"ל זאגן (שבת לא, א) אז לעתיד לבוא פרעגט מען יעדן איינעם אויב "קבעת עתים לתורה", פארוואס פרעגט מען נישט וויפיל האסטו געלערנט? איין שעה? אדער צוויי שעה? וואס הייסט "קבעת עתים לתורה"? אן א חשבון? נאר וויבאלד עס שטייט נישט וויפיל עתים, מיינט עס טאקע אלע עתים! די גאנצע טאג! וויפיל צייט עס איז מעגליך אין טאג דארפסטו עס אויסניצן צו לערנען תורה. "והגית בו יומם ולילה" (יהושע א, ח)!

**אשרי** ווער עס קען דאס אויספירן. אבער על כל פנים קודם ברויך מען אויף דעם צו שטרעבן. דאס ברויך מען צו וועלן. אפילו אז עס איז שווער. אפילו מען איז מיד און אויסגעמוטשעט. און אזוי וועט מען זוכה זיין צו גיין בחקותי, צו זיין עמלים אין תורה, און זוכה זיין צו דעם "ויהי בוקר". דער באשעפער זאל געבן הצלחה פאר יעדן איינעם. דער קול תורה זאל דא קיינמאל נישט שטיל ווערן, און ווען מען גייט אדורך דעם בית מדרש זאל מען שטענדיג הערן דעם "קול ד' בכח, קול ד' בהדר, קול ד' שובר ארזים, וישבר ד' את ארזי הלבנון". דאס מיינט א קול תורה.

# די וויכטיגקייט פון אראפשרייבן דאס לערנען

**וויבאלד** מען שטייט יעצט אין דעם גרויסן טאג, די הילולא פון כ"ק אא"ז אדמו"ר בעל בני יששכר זי"ע, וועל איך נאכברענגען אן עצה טובה וואס דער הייליגער בעל ההילולא זי"ע לערנט אונז, אלס א תועלת צו מצליח זיין אין לערנען תורה מיט אן עמלות און דביקות, וואס איז ספעציעל זייער פאסיג פאר די בחורי'שע יארן, ובפרט די עלטערע כתות.

**עס** איז דא א פסוק אין די הייליגע תורה (דברים ד, ט) וואס ווארנט אונז: רק השמר לך ושמר נפשך מאד, פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך. וואס בפשטות רעדט דא די פסוק פון שכחת התורה, און זאגט אן אז מען זאל זיך היטן נישט צו פארגעסן דאס וואס מען לערנט (עיין אבות פ"ג מ"ח, מנחות צט, ב). "השמר לך גו' פן תשכח" קומט צו לערנען, אז דער וואס פארגעסט די תורה וואס ער לערנט איז עובר אויף א לאו.

**לכאורה** איז די אזהרה שווער צו פארשטיין. שכחה איז דאך א טבע וואס איז דא, מען פארגעסט דאך, אויב אזוי ווי קען די תורה מצווה זיין מען זאל נישט פארגעסן. אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (עיין עבודה זרה ג, א)? לערנט אונז דער הייליגער בני יששכר זי"ע, אז אויב מען וויל זיין געווארענט אין "השמר לך גו' פן תשכח", דארף מען דערויף טוהן א מעשה מען זאל עס נישט פארגעסן. דאס איז: שרייבן די חידושי תורה. ווי ער זאגט אין זיין "הנהגות האדם" (אות יד) [וואס די תלמידי הישיבה האבן ב"ה עוסק געווען לכבוד ההילולא]: אם נשמע איזה דיבור של תורה, נשמרנו בלבנו, ונחזור אותו, כדי שלא ימיש מזכרונינו, ובפרט בדבר הנוגע לשמים. ובאם יהיה באפשרי לכתוב, מה טוב. וגם אם נראה בספר איזה דבר חדש הנוגע לעבודתו יתברך, נקשירנו בזכרונינו ונכתוב על לוח לבנו.

**מען** זאל נישט טראכטן אז קוים וואס איך פארשטיי א שווערע סוגיא, זאל איך שוין שרייבן חידושים? יא! ווייל אדרבה, שרייבן חידושי תורה העלפט מען זאל פארשטיין קלארער וואס מען האט געלערענט, און מען זאל לערנען בעסער און מיט מער חשק און קלארקייט.

**אפילו** דו האלטסט אז דו שטייסט נאכנישט אין א מדרגה פון אראפשרייבן ממש אייגענע חידושי תורה, פונדעסטוועגן, ווען דו הערסט א זאך און דו פארשטייסט עס, פארשרייב עס אין א העפט. ווען דו הערסט אויס דעם שיעור, און ווען דו פארשטייסט עס שוין בעסער ביי חזרת השיעור, שרייב עס אראפ אויף דיין אייגענעם אופן. אפילו אויב דו פארשטייסט עס נאכנישט אינגאנצן, ווייל מיטן אראפשרייבן וועסטו ווערן קלארער דערין. אזוי אויך ווען מען הערט שמועסן, דברי חסידות און דברי חיזוק, א שיין ווארט און א הייליגע טייטש, זאל מען נישט הערן און גיין ווייטער, נאר מען זאל דאס פארצייכענען און אראפשרייבן.

**דאס** שרייבן האט קודם א מעלה אז עס העלפט מען זאל בעסער פארשטיין וואס מען לערנט. עס העלפט אויך פאר די זכרון, מען זאל טאקע נישט פארגעסן וואס מען לערנט, און נישט חלילה עובר זיין אויף "פן תשכח". דערנאך, שפעטער, ווען עס גייט דורך א זמן, און מען קוקט אדורך וואס מען האט געשריבן, איז נישט נאר אז מען געדענקט בעסער, נאר מען וועט דעמאלטס אויך האבן אן השגה ווי מען האלט ביים לערנען, וויפיל איז מען געשטיגן מיטן לערנען. וויפיל אנדערש שרייב איך שוין היינט, און וויפיל קלארער פארשטיי איך שוין היינט. און ועל כולם, וויפיל מאל טרעפט זיך אז מען שרייבט יא אראפ גוטע חידושים, ביאורים, אייגענע קשיות און הסברים.

**אין** דעם ענין איז דער הייליגער בני יששכר זי"ע געווען א "נאה דורש ונאה מקיים". כמדומה לי, אז פון אלע תלמידי הבעל שם טוב הקדוש ותלמידי תלמידיו, איז נישט געווען נאך איינער וואס האט געשריבן אזויפיל סארטן ספרים, אויף אלע מקצועות התורה. ביאורי מצוות, הלכה, חסידות און "הויכע חסידות" — ווי אגרא דכלה, ביאורי ש"ס - ווי "מגיד תעלומה", און נאך און נאך. און דערצו, זענען נישט אלע כתבים און ספרים פאר אונז געבליבן. ער איז געווען א "נאה דורש" - וואס האט דאס פארלאנגט פון יעדן, אבער דאס ערשטע האט ער דאס פארלאנגט פון זיך - א "נאה מקיים". און ווי עס איז לשון קדשו אין זיין הקדמה צום אגרא דכלה, אז "יראתי מהשכחה המצויה", ממילא כדי נישט עובר צו זיין אויף "השמר לך גו' פן תשכח", טוט ער די עצה פון "כתבתי הדברים האלה להיות למזכרת".

# מיינע חידושי תורה איז ענקערס!

**איך** וועל מסיים זיין, מיט נאך א געוואלדיגע יסוד וואס שטייט פון הייליגען בעל הילולא, דער בני יששכר זי"ע, אויף עטליכע פלעצער, אין דעם ענין.

**געוועגליך** ווען עס קומט למשל צו אזא אסיפה ווי דא, צו רעדן דברי תורה און דברי חיזוק, אדער ווען א מגיד שיעור זאגט א שיעור, צו שבתד'יגע תורה, פארשטייט יעדער איינער לכאורה פשוט, אז עס איז דא דער ראש, וועמען דער אויבערשטער איז ממנה, א רב, א רבי, א ראש ישיבה, א מגיד שיעור, און השי"ת האט איהם משפיע געווען חידושי תורה, און אט די חידושי תורה לאזט ער נישט נאר פאר זיך אליינס, נאר ער איז מזכה את הרבים, אין אן אופן פון "אל תמנע טוב". ער לערנט דאס מיט תלמידים און גיבט דאס איבער אויך פאר זיי.

**דער** הייליגער בני יששכר לערנט מיט אונז, אז עס איז נישט אזוי. די תורה וואס מען זאגט פאר תלמידים, איז פארקערט. נישט אז דער באשעפער האט דאס משפיע געווען פאר איהם, און ער טוט א טובה און גיבט דאס איבער ווייטער. נאר די תורה איז השי"ת מתחלה משפיע פארן עולם, פאר די שומעים, פאר די תלמידים אדער חסידים. און דער וואס זאגט דאס, האט נאר א באזונדערע זכיה אז דער אויבערשטער האט איהם ממנה געווען, אז ער זאל זיין דער וואס גיבט דאס איבער פאר זיי און לאזט דאס הערן פאר זיי. אבער דאס וואס ער זאגט און לערנט פאר, איז די תורה וואס השי"ת איז משפיע דירעקט פארן עולם צו וויסן. א חידוש נפלא.

**דאס** הייסט, וואס איך זאג, וואס יעדע מגיד שיעור זאגט, איז ענקער תורה! נישט מיינס און נישט זיינס. נאר מיר האבן א זכיה אז מען קען דאס זאגן פאר בחורים. דער מגיד שיעור, ראש ישיבה אדער מנהל, זענען נאר צינורות ווי אזוי די תורה זאל אנקומען פאר וועמען דאס באלאנגט בעצם.

**דאס** האט דער הייליגער בני יששכר אליין מקיים געווען. און דערפאר האט ער געשריבן אזויפיל חיבורים, ווייל ער האט געהאלטן אז דאס זענען נישט זיינע חיבורים, דאס זענען די וועלטס חיבורים. אויף אזוי ווייט זאגט אונז דער הייליגער בני יששכר אין די הקדמה צו זיין ספר "אגרא דכלה",

אז דערפאר שרייבט ער אראפ זיינע הייליגע תורות אין דעם הייליגע ספר, כדי ער זאל דאס אליינס אויך אייביג געדענקן, און אסאך מאל ווען ער אליינס וועט דארפן חיזוק, א "תרופה לנפש", וועט ער דאס אליינס לערנען - אין זיינע אייגענע ספרים. ווייל דאס איז תורה וואס השי"ת האט משפיע געווען פאר כלל ישראל, ער האט נאר געהאט א זכיה אז ער איז געווען דער שליח דאס איבערגעבן פאר זיי.

**השי"ת** זאל העלפן, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, זיין תורה זאל אויף אונז מגין זיין, זיין קדושה זאל אויף אונז מגין זיין. מיר זאלן קענען מקבל זיין, זיין הבנה און השקפה אין חסידות און נגלות שבתורה, וואס איז נשפע דורך איהם, פאר אונז. יעדער תלמיד זאל אויסוואקסן צו גדלות און צו שלימות. עס זאל מקוים געווערן די בקשה וואס חז"ל זאגן (סנהדרין קג, א) אז די ברכה פון (תהלים צא, י) "ונגע לא יקרב באהלך" איז, "שלא יהא לנו תלמיד שמקדיח תבשילו ברבים", דאס מיינט אז קיין שום תלמיד זאל נישט חלילה פארדארבן ווערן. די סכנה פון פארדארבן ווערן איז נאך קיינמאל נישט אזוי געווען ווי אין דעם דור. מען דארף זיך זייער היטן, און מאכן א משמרת למשמרת. אזוי וועט מען האבן סייעתא דשמיא אז יעדער בחור וועט נתגדל ווערן לשם ולתפארת לנחת רוח בוראנו ית"ש.

**ויהי** נועם ד' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו, מען זאל זוכה זיין אויסציוואקסן תלמידי חכמים ויראי ד', צדיקים, חסידים ואנשי מעשה, און מרבה זיין כבוד שמים, עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

הוצאת

אור תורה מונקאטש